בס"ד

מפעלות חסידות קול דודי
לעבן מיטן אייבערשטן

0722 531 385
646 518 1014
033 3366 1567

אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

צו פארשפרייטן דעם גליון
אין נאך בתי מדרשים
און באלייכטן נאך אידישע נשמות

רופט:

אין מאנסי / בארא פארק
347.452.3118

אין וויליאמסבורג
347.768.3577

אדער לאזט איבער א מעסעדזש פארן מערכת

וזכות הרבים יהא תלוי בכם!

ויקהל פקודי-החודש תשפ"ג / גליון ל'

אויף קול־דודי ליין
לקראת ימי בין הזמנים הבעל"ט
ספעציעלע לייכטע און קורצ'ע
שיעורים אויף חודש ניסן און יו"ט פסח
אין נומער 9

## חסיד'יש גערעדט

א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# אלעס איז מסודר!

### מען הייסט דיר נישט דמיונ'ען שבת, נאר מען הייסט דיר אויפהערן צו דמיונ'ען! א גאנצע וואך לעבסטו אין דמיונות, כאטש היינט לעב מיטן אמת!

איינע פון די הלכות שבת איז: "כשתבוא שבת, יהא בעיניך כאילו כל מלאכתך עשויה, שלא תהרהר אחר מלאכה" (מכילתא פ"ז) - איינמאל עס קומט אן שבת, זאל זיך א מענטש פארשטעלן כאילו זיין גאנצע ארבעט איז שוין פארטיג! אלץ איז ערלעדיגט אויפן בעסטן אופן, און עס איז פשוט נישטא וואס צו ערלעדיגן מער!

אויבנבאויף איז דאס זייער א שווערע מצוה, וואס א מענטש שפירט אז דאס איז עפעס צו הויכע מדרגות צו פארלאנגען פון אים. ווייל ווילאנג דו הייסט מיר אז איך זאל בפועל נישט טון קיין מלאכה - נו, קען איך פאלגן, איך וועל אראפלייגן דעם האמער פון האנט און נישט אנרירן קיין מוקצה. און אפילו ווען דו הייסט מיר אז איך זאל נישט טראכטן פון קיין שום וואכנדיגע דאגה וואס מען דארף ערלעדיגן און מסדר זיין - נו, דאס קען מען נאך אויך באווייזן, יעדעס מאל וואס עס פאלט מיר ביי, עפעס א וואכנדיגע מחשבה - וועל איך פשוט מסיח דעת זיין, פונקט ווי פון יעדע שלעכטע מחשבה.

אבער ווען דו קומסט מיר זאגן אז איך דארף שפירן אין הארץ אזא רואיגע געפיל פונקט ווי אלעס איז פולקאם מסודר על צד היותר טוב - אה, דאס איז שוין נישט פאר מיינע כוחות! וויאזוי קען איך זיך פארשטעלן און דמיונ'ען אז איך האב גארנישט צו ערלעדיגן - אין דער צייט וואס די הויט ברענט מיר אז עס זאל שוין ווערן מוצאי שבת און איך וועל האפנטליך גיין אפנעמען א גרויסן טשעק פון יענעם עושר?! וויאזוי קענסטו מיר זאגן אז אלעס איז שוין געטון געווארן - אין דער צייט וואס איך בין אנגעצויגן איבער דעם ביזנעס דיעל וואס איז אפגעשמועסט צו שליסן דעם קומענדיגן זונטאג, אויף א געשעפט פון הונדערטער טויזנטער דאלער?! וויאזוי זאל איך ארומגיין מיט א רואיגקייט און שלות הנפש - ווי ראטשילד אין זיין פאלאץ - אין דער צייט וואס מען שטייט שוין נאנט צום 'ערשטן' למספרם, און עס איז נאכנישט דא אויף צו באצאלן רענט?!

## דו ביסט בלויז א מאשין

דער 'מאור עינים' אין דער וואכנדיגער סדרה איז מסביר דעם ענין, אבער פונקט פארקערט: מען הייסט דיר נישט דמיונ'ען שבת, נאר מען הייסט דיר אויפהערן צו דמיונ'ען! א גאנצע וואך לעבסטו אין ריזיגע דמיונות, און שבת זאגט מען דיר: כאטש היינט אין דעם הייליגן טאג פון שבת - לעב מיטן אמת! און אויב א מענטש האט שכל, קויפט ער איין דעם דאזיגן אמת'ן דעת - אויך אויף א גאנצע וואך! ער לעבט א גאנצן צייט מיט דער רואיגער געפיל: "אה, אלעס איז מסודר! נישטא קיין שום דאגה!". און דאס איז בכלל נישט קיין דמיון און א 'כאילו' - נאר עס איז ממש אן אמת!

וועט א מענטש אויפשפרינגען: "וואס הייסט?! וואספארא מאדנע זאכן פארציילסטו מיר דא?! איך זעה דאך במציאות אז עס איז נישט אזוי! איך מוטשע זיך אזוי שווער צו דעקן מיינע מינימאלע געברויכן! ווי קענסטו זאגן אז אלעס איז מסודר?!".

ענטפערט מען אים: "בארואיגט אייך ר' איד, און חזר'ט נאר אביסל איבער די פשוט'ע 'אמונה' - וועט אייך אלעס פארענטפערט ווערן! מיר גלייבן באמונה שלימה אז דער אויבערשטער איז 'עשה ועושה ויעשה לכל המעשים' - ער טוט א-ל-ע-ס! און א מענטש טוט ג-א-ר-נ-י-ש-ט! דער מענטש ארבעט און שוויצט, ערלעדיגט און איז מסדר - בלויז אלס 'חובת ההשתדלות', אבער בעצם ווענדט זיך גארנישט אין זיין השתדלות! דער אויבערשטער גיבט אים וויפיל ער וויל אים געבן! נו, אויב אזוי, קענט איר דאך זיין זייער רואיג! יא, אלץ איז מסודר פון דיין זייט! דו האסט גארנישט וואס צו ערלעדיגן פון דיין זייט! איי, דו דארפסט נאך טון אזויפיל השתדלות? נו טוה געזונטערהייט - אבער אן קיין 'דאגות' און 'חששות', צי עס וועט געלונגען און צי דו וועסט טאקע קענען אויספירן דיינע פלענער! דאס האט דאך שוין גארנישט צו טון מיט דיר! אלס דעם 'חוב' פון השתדלות - מוזטו נישט זיין מער נערוועז ווי דו ביסט נערוועז אז דו דארפסט נאך דאווענען היינט מנחה און מעריב... דו מעגסט זיין רואיג און שבת'דיג א גאנצע וואך!".

**"שֶׁיִּדְבְּקוּ בֶּאֱמוּנָה שֶׁיֵּדְעוּ שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרֵךְ וְהוּא הַנּוֹתֵן כֹּחַ לַעֲשׂוֹת חָיִל - עֵצָה לִמְקַנֵּי נִכְסִין, וְהָאָדָם רַק כְּלִי הַפּוֹעֵל, כְּמוֹ יָדַיִם וְרַגְלַיִם - וְעִקָּר הוּא הַמֹּחַ וְהַשֵּׂכֶל שֶׁבְּרֹאשׁוֹ, כְּמוֹ שֶׁבֵּאַרְנוּ.**

**וְזֶהוּ 'שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעָשׂוּ מְלָאכָה'. תַּעֲשֶׂה בְּפַתַּ"ח לֹא כְּתִיב, אֶלָּא תֵּעָשֶׂה בְּצֵירֵ"י. רְצוֹנוֹ לוֹמַר, כְּאִלּוּ נַעֲשִׂית מֵאֵלֶיהָ, וְלֹא אַתָּה הוּא עוֹשֶׂה רַק הקב"ה נוֹתֵן עֵצָה וּמֵאֵלֶיהָ נַעֲשִׂית, עַל יָדְךָ הַפּוֹעֵל כִּכְלִי".**

צו וואס טראכסטו אזויפיל וואס צו טון און וויאזוי צו טון?! פארוואס ביסטו פאר'דאגה'ט איבער דיין גיין אפנעמען דעם טשעק?! דיין גיין אהין וועט סייווי גארנישט אויפטון! דו ביסט דאך נישט מער ווי דער האנט וועלכער פירט אויס דאס וואס דער מח הייסט אים - צו ער וויל צו ער וויל נישט! עס איז דאך נישטא קיין גרעסערן וויץ ווי דאס, אז דער פוס נעמט זיך אליינס טראכטן מחשבות וואו צו גיין... וועט עס דען אויסמאכן?! צום סוף וועט זיך דאך סייווי גיין דארט וואוהין דער מח וועט איר שיקן! נו, איז דאך סתם א שאד אויף דער איבריגער זארגן!

**איינמאל דער שבת פייפער פייפט און מען שטעקט אויס דעם דראט פון 'השתדלות' - באפאלט אים א מין רואיגקייט! ער ווייסט נישט פון קיין דאגה צו זאגן!**

## אויב די וואך איז רואיג - איז שבת נאך רואיגער

ווען א מענטש לעבט א גאנצע וואך מיט דער קלארקייט, אז די 'מלאכה' וועט געטון ווערן - אויך אן מיינע דאגות דערפאר - קען ער שבת באמת שפירן אז אלץ איז געווארן ערלעדיגט אויפן בעסטן אופן! ער איז שוין נישט באזארגט און צוקוועטשט פונעם 'ערשטן' וועלכע דערנענטערט זיך, ווייל עס איז נישט זיין פראבלעם! עס איז דער אויבערשטער וואס ער דעקט די רענט און דער באנק! שבת איז עס אים נאר נאך גרינגער ווי א גאנצע וואך, וויבאלד ער איז היינט אויך פטור פונעם 'חובת השתדלות'. שבת קען ער זיך אינגאנצן אפרייסן פון אלעם, און זיך מדבק זיין בלויז אינעם אויבערשטן מיטן גרעסטן שלות הנפש.

**"כְּשֶׁתַּאֲמִין כָּל שֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה כָּךְ, אָז בְּוַדַּאי 'וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ', כִּי בְּוַדַּאי לֹא יִהְיֶה קָשׁוּר וְדָבוּק בְּשׁוּם דָּבָר רַק בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְלֹא תַשְׁגִּיחַ עַל הַהֶפְסֵד, רַק יִהְיֶה כְּאִלּוּ כָּל מְלַאכְתְּךָ עֲשׂוּיָה, כֵּיוָן שֶׁאַתָּה מַאֲמִין שֶׁהַכֹּל מִמֶּנּוּ וְלֹא מִמְּךָ".**

אינמיטן דער וואך זענע מיר א גאנצן צייט אין א מלחמה. ווייל נאך אלעם, איז פאראן א גזירה פון 'השתדלות'. און כאטש מיר זענען טאקע נישט מער ווי א האנט וועלכער ווערט געפירט דורכן מח, אדער ווי א קאר וואס דער בעל הבית נוצט אנצוקומען וואו ער וויל - פונדעסטוועגן

המשך אין עמוד ב

דער גליון האט דיר דערלויכטן? יעצט איז די געלעגנהייט צו באלייכטן נאך א יוד
אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו ספאנסערן אן ארטיקל/אפטיילונג
אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, רופט: 347.452.3118
תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483

# א געלונגענעם 'בין הזמנים'

## איך טרעט אריין צום 'בין הזמנים' פול מיט רצונות און פלענער, אבער צום סוף רינט עס מיר ארויס פון צווישן די פינגער, וואס איז די לעזונג? • למעשה'דיגע אנווייזונגען וויאזוי ריכטיג אויסצונוצן די טעג פון 'בין הזמנים' פון ניסן מיטן זיך אנגרייטן פאר פסח

**אברהם יצחק:** ס'קומט שוין אט 'בין הזמנים'...

**משפיע:** און וואס זענען דיינע פלענער?

**אברהם יצחק:** כ'בין מער וויניגער מסודר וואס איך האב צו טון.

**משפיע:** כ'האב נישט פארשטאנען...

**אברהם יצחק:** כ'האב אסאך געדאנקען וואס צו לערנען און חזר'ן... כ'ווייס נאך אליין נישט פונקט וואס... אפשר קען מיר דער משפיע ארויסהעלפן און אויסקלארן ווי מיין סדר היום דארף אויסזען?

**משפיע:** צוערשט לאמיר הערן וועלכע גאנג נעמסטו? וואספארא לימודים האסטו געפלאנט?

**אברהם יצחק:** קודם כל דארף מען מאכן אן הכנה פאר פסח מיטן לערנען איבערן יום טוב. אויסערדעם זענען דא די לימודים פון ישיבה וואס איך דארף איבער'חזר'ן...

> ס'איז נישט קיין קונץ צו כאפן פילצאליגע געדאנקען און מאמרים, נאר דער עיקר איז זיך צו באהעפטן מיט איין נקודה אויף א קלארע פארנעם

**משפיע:** נו, אלעס איז דאך קלאר...

**אברהם יצחק:** יא, אבער איך דארף אויסשטעלן א קלארע סדר היום, ווייל אן דעם בלייבט גארנישט פון מיינע אלע פלענער... און דאס ווייס איך נישט וואו אנצוהייבן און וואו צו ענדיגן...

**משפיע:** ביים אויסשטעלן א סדר היום דארף מען זיין פראקטיש און רעאליסטיש. מ'קען נישט רעכענען צו לערנען זיבן אדער אפילו פיר שעה - אויב ס'איז נישט שייך במציאות. צוערשט דארפסטו וויסן די אומשטענדן: וויפיל שעה האסטו? און וויפיל פון זיי קענסטו אוועקגעבן פאר לימוד התורה? אזוי הייבט זיך עס אן.

**אברהם יצחק:** אבער וויאזוי קען איך דאס אויסרעכענען פון פאראויס? אפטמאל דארף איך צוהעלפן אינדערהיים? פלוצלונג בעט מען מיר צו שלעפן אפאר זעק קארטאפל...

## צוטיילן דעם 'בין הזמנים' אין פיר

**משפיע:** דעמאלטס לאמיר מאכן א סדר ביי דיר אין קאפ. קודם כל דארפסטו וויסן אז די 'בין הזמנים' איז נישט איין גרויסע שטיק, ס'טיילט זיך איין אין פיר חלקים - פיר וואכן. יעדער וואך, איז אנדערש און פאדערט א באזונדערע סדר היום. נאכן דאס וויסן, וועט דיין 'בין הזמנים' אויסקוקן גאר עפעס אנדערש.

**אברהם יצחק:** כ'האב קיינמאל נישט געהערט פון אזא זאך...

**משפיע:** יא יא. די **ערשטע וואך** איז 'בין הזמנים' כפשוטו. אין דער וואך בדרך כלל, דארף מען נישט אזוי דרינגענד צוקומען צו דיין הילף, און פארדעם קענסטו דעמאלטס אויסשטעלן דיין אייגענע סדר היום. און אפילו טאמער דו דארפסט יא עפעס העלפן, קענסטו נאךביידע אניאגן. די וואך זאלסטו **אוועקשטעלן סדרים פון אפאר שעה מיטן לערנען גרינטליך און בעיון.**

די **צווייטע** וואך איז 'שבוע שחל בו פסח'... די פרעשור איז גרויס און פון אזויפיל האבן וואס צו טון קען מען כמעט נישט אטעמען. דיין ציל אין די וואך איז גאר אנדערש. יעצט דארפסטו זען אז עס זאל **נישט אריבערגיין קיין איין טאג אן לימוד התורה**, און ס'זאל כאטש זיין **איין קביעות'דיגע סדר וואס ווערט דיר נישט פארפאלן צוליב אלע טירדות.**

דערנאך קומט די **דריטע וואך** פון יום טוב און חול המועד. די וואך טראגט אן אנדער געזיכט. דעמאלטס איז מען מער מאריך מיטן דאווענען, און מ'לייגט געוויכט אויפן 'שמחת החג'. אבער טראצדעם בלייבט נאך איבער גענוג צייט צו קובע זיין אן **ערנסטע שטיק צייט פאר לימוד התורה.**

אין די **לעצטע וואך** גרייט מען זיך שוין צו צום נייעם זמן, און עס איז די וויניגסט פארנומענע וואך פון אלע פריערדיגע, און דערפאר דארף מען עס אויסנוצן מיט **אסאך שעה פון לימוד התורה.** מיטן ריכטיג אויסנוצן די וואך, ווערט דער מענטש א פאסיגע 'כלי' אריינצונעמען אלע ליכטיגקייטן וואס ער האט אנגעשעפט דורכאויס דעם יום טוב, און ס'געבט אים כח אויף ווייטער.

נאך די הקדמה קענסטו אנהייבן אויסצושטעלן וויאזוי דיין חודש גייט אויסקוקן, וויסנדיג די מציאות הדברים אויף אן אופן וואס איז אויספירבאר.

**אברהם יצחק:** איך טראכט יעצט אז אין אמת'ן ביי די ערשטע און לעצטע וואכן האב איך שוין קביעות'דיגע סדרים. פארמיטאג איז דא 'ישיבת בין הזמנים', און ביינאכט האבן מיר א סדר צווישן מנחה און מעריב ווען אלע בחורים לערנען פאר צוויי שעה צוזאמען. דעמאלטס ארבעטן די זאכן גאנץ פיין. ס'איז נאר ביי די צוויי מיטלסטע וואכן ווען די זאכן פארן נישט גוט...

**משפיע:** איז לאמיר רעדן איבער די צוויי וואכן. זאגסט אז פארמיטאג האסטו 'ישיבת בין הזמנים' און ביינאכט איז דא נאך א כללות'דיגע סדר? גוט. אבער האסטו א פלאן וואס דו גייסט לערנען דורכאויס די צוויי סדרים? דו פלאנסט צו לערנען מיט א חברותא אדער איינס?

**אברהם יצחק:** ס'ווענדט זיך. פאר 'ישיבת בין הזמנים' האב איך א פלאן. איך גיי איבערלערנען וואס מ'האט געלערנט אין ישיבה במשך דעם ווינטער, און כ'האב עס שוין אפגעשמועסט מיט א חברותא. כ'האף אז ס'וועט מיר טאקע געלונגען אנצויאגן די הספק וואס כ'האב אוועקגעשטעלט. אבער אויף ביינאכט האב איך נישט קיין שום באשטעטיגטע סדר.

**משפיע:** איין מינוט, ווען טראכטסטו צו לערנען חסיד'ישע ספרים אויף פסח? אביסל גמרא מסכת פסחים, אפאר סימנים פון די הלכות פונעם סדר, און אנדערע עניני דיומא, און אפשר אויך א סוגיא פון יום טוב?

**אברהם יצחק:** ביינאכט איז לכאורה די צייט דערפאר. די פראגע איז נאר צו כ'וועל אניאגן אזויפיל: סיי גמרא פסחים, סיי הלכה, און אויך חסידות, און צומאל טרעט אויף א בעל דרשן אויף עניני דיומא...

**משפיע:** בעלי דרשנים זענען זייער א גוטע זאך. משה רבינו האט דאך איינגעפירט צו דרשנ'ען פאר אידן איידער א יום טוב. אבער דער עיקר איז דאס וואס דו לערנסט אליין, דעריבער דארפסטו קלאר אויסשטעלן וואס און ווען דו פלאנסט צו לערנען. פארשטייט זיך נישט צופיל, נעם איינציגע זאכן און באשליס אז דאס גייסטו אניאגן.

אייגנטליך ענטהאלט פסח מערערע ענינים: חמץ און מצה, דעם ליל הסדר, קרבן פסח, עניני יציאת מצרים. אין יעדער פון די האבן א חלק פון הלכה, און א חלק פון פנימיות און חסידות. יעצט, כדי צו לערנען אלע אויבנדערמאנע ענינים, סיי די הלכה און אויך די פנימיות, פאדערט זיך אסאך צייט און מח. דערפאר זאלסטו זיך קלארמאכן אין וועלכע נושא דו גייסט לערנען די חלק ההלכה, און וועלכע די חלק החסידות. ווייל ס'איז וויכטיג צו עטוואס אנצורירן יעדער פון אויבערשטע ענינים.

**אברהם יצחק:** רבונו של עולם! איך ווייס אפילו נישט וואו אנצוהייבן...

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

שפילן מיר כאילו מיר טוען דא עפעס! פונקט ווי א קינד וועלכער שפילט א שפיל מיט פאלשע געלט, ער קויפט און פארקויפט, ער בארגט און באצאלט... אבער עכטע געלט האט ער נישט גארנישט - חוץ פון וואס זיין טאטע גיבט אים. אזוי אויך שפילן מיר כאילו מיר פארדינען און מיר דערלייגן, מיר שליסן און מיר באשליסן. אבער למעשה האבן מיר גארנישט, נאר דאס וואס דער אויבערשטער גיבט אונז.

טאמער א מענטש שפירט אינמיטן די וואך, אז טאמער ער וועט נישט גענוג דאגה'נען און זארגן קען ער עפעס דערלייגן - איז נישט קיין וואונדער טאמער עס איז אים אזוי שווער צו לעבן אין שבת מיט 'כל מלאכתך עשויה'.

אבער ווען א מענטש האט אן אמונה'דיגע וואך - פול מיט רואיגקייט און בטחון, ער זינגט זיך אונטער א גאנצן צייט: "מבלעדי עוזך ועזרתך אין עזרה וישועה" - איז ער שבת א שבת'דיגער! איינמאל דער שבת פייפער פייפט און מען שטעקט אויס דעם דראט פון 'השתדלות' - באפאלט אים א מין רואיגקייט! ער ווייסט נישט פון קיין דאגה צו זאגן! ער איז אינגאנצן קאנצענטרירט בלויז אויף איין זאך: להתענג על ה'.

הפצת הגליון השבוע בעי"ת מאנסי
נדבת ידידנו היקר
הרה"ג ר' יעקב יצחק מאשקאוויטש שליט"א, מאנסי
לעילוי נשמת זקנו הרה"ח ר' אברהם ב"ר שמואל זכרונו לברכה
בזכות מרן הבעש"ט הק' ותלמידיו זי"ע תהא נשמתו צרורה בצרור החיים

**משפיע:** הער זיך צו. איך קען דיר נישט זאגן וואס דארפסט לערנען, דו דארף אליינס באשליסן וואס ס'איז גוט פאר דיר. דאס יא, איך קען דיר געבן א ביישפיל פון יעדער נושא, און דו זאלסט זען צו ס'געפעלט דיר.

איך שלאג דיר פאר צו לערנען דעם שולחן ערוך הרב אויפן **ליל הסדר.** זיין מעלה איז, אז ער טוט סיי פסק'נען קורץ און שארף, און ער שטעלט אויך צו די טעם צו זיין פסק. פארשטייט זיך אויב דו פארשטייסט זיך בעסער מיטן משנה ברורה, זאלסטו לערנען די הלכות אין משנה ברורה.

אויף עניני **חמץ און מצה** און אויך דעם ענין פון **קרבן פסח,** בין איך דיר מציע דעם ספר 'דרך פיקודיך' פונעם בני יששכר זי"ע. אין דעם ספר טוט ער אין קורצן אנרירן די חלק ההלכה, אפאר געציילטע הלכות אויף יעדער מצוה, אין אינעם חלק וואס ער רופט 'חלק המחשבה', ערקלערט ער די פנימיות פון די מצוה. דארט וועסטו ארויסהאבן די פנימיות פון חמץ, און פון קרבן פסח.

ווידעראום אויף **יציאת מצרים** דארפסטו לערנען א חסיד'ישע ספר וואס וועט דיר ערקלערן דאס באדייט פון 'מצרים' און 'גלות' וואס איז נוגע פאר יעדן פון אונז און אין יעדן יאר עקסטער, ווי אויך דאס באדייט פון 'גאולה' וואס איז גילטיג פאר יעדער אין די הייליגע נאכט. יעצט, אויב דו ביסט אומשטאנד צו פארשטיין 'של"ה הקדוש', וואלט דאס געווען זייער געראטן, אדער אויב דו פילסט אז דו קענסט פארשטיין די ווערטער פונעם מהר"ל, וואלט געווען געוואלדיג צו לערנען זיין ספר 'גבורות השם' וואס איז ספעציעל געאייגנט פאר עניני יציאת מצרים. די זאך איז, אז ס'איז א טיפער און א לאנגער ספר.

אבער אויב די ספרים זענען צו טיף, זאלסטו לערנען אנדערע ספרי חסידות אויף יציאת מצרים. למשל 'מאור עינים' אין די פרשיות פון יציאת מצרים - שמות, וארא, בא און בשלח - וואו ער טוט ברייט אויסרעדן די מושגים פון 'גלות הדעת' און די 'גאולה פרטית' פון יעדן איד. דער 'קדושת לוי' אין די מאמרים אויף פסח, ווי אויך אין די אויבנדערמאנטע פרשיות שמועסט עס אויס. אין ספר 'התניא' פרק מ"ז איז ער מסביר וויאזוי יציאת מצרים איז שייך פאר יעדן איינעם יעדן טאג. 'ישמח ישראל', 'שפת אמת', 'שם משמואל', יעדער פון די הייליגע ספרים קלארן אויס די פנימיות פון יציאת מצרים, און די וואונדערליכע קדושה וואס די ליל הסדר טראגט. יעדנפאלס, כדי אויפצופלאמען דאס הארץ פארן עבודת הלילה איז כדאי צו לערנען דעם ספר 'קב הישר' אדער 'יסוד ושורש העבודה'. פארשטייט זיך 'בני יששכר', וואס איז ממש פול ביז אויבן אויסשמועסנדיג בפרטיות די ענינים פון יציאת מצרים.

**אברהם יצחק:** און דאס אלץ דארף איך אריינקוועטשן אין די צוויי שעה פון ביינאכט...

## צוויי כללים: א קלארע פלאן, און לערנען מיט קאנצענטרירונג

**משפיע:** זעלבסטפארשטענדליך נישט אויף איינמאל, און זיכער נישט אלע ספרים וואס כ'האב דערמאנט. נעם בלויז איינס אדער צוויי פון די ספרים און לערן עס דורך. אדער יעדן טאג אן אנדער ספר. אבער **פאלג אויס דאס וואס דו האסט באשלאסן אויסצוקלויבן! גיי נישט צו צו די טעג אן קיין פאראויס געפלאנטע סדר.**

און ווען דו נעמט דעם אויסגעקליבענער ספר זאלסטו זיך אוועקזעצן עס דורכצולערנען גרינטליך, **בעיון און מיט קאנצענטרירונג** ווי גלייך א תוספות! ווייל ס'איז נישט קיין קונץ צו כאפן פילצאליגע געדאנקען און מאמרים, נאר דער עיקר איז זיך **צו באהעפטן** מיט איין נקודה אויף א קלארע פארנעם, פארדעם דארף מען עס לערנען מיט אן ערנסטקייט און מיט א צוזאמגענומענע מח. פארשטייט זיך אז כדי דאס צו טון, דארף יענץ זיין א ספר וואס רעדט צו דיר און ערוועקט דיין נשמה. וועגן דעם זאלסטו אנהייבן צו לערנען איינס אדער צוויי פון די ספרים, און נאכן זען אז דו האסט גוט ארויסגעהאט די באטרעפנדע ענין, קענסטו פארזעצן און ווייטער לערנען, אדער קענסטו אפירנעמען א צווייטער ספר.

די אונטערשטע שורה איז צוויי נקודות: **א.** אלץ זאל צוגיין מיט א פאראויס געפלאנטע סדר, **ב.** דאס לערנען זאל זיין מיט אן ערנסטקייט און זייענדיג געזעצט און מיושב.

**אברהם יצחק:** מורא'דיג. כ'וואלט געקענט באשטיין צו הערן נאך אפאר עצות פארן 'בין הזמנים', אבער די זייגער האט זיך גערוקט...

**משפיע:** פארן ענדיגן לאמיר דיר זאגן איין פונקט איבערן דאווענען, איבערהויפט ביי שחרית: ס'איז וויכטיג צו באשטימען א פלאץ, א צייט און א מנין וואו דו גייסט דאווענען יעדן טאג. מיט אזא קביעות וועסטו מצליח זיין צו פירן א פאסיגע סדר היום.

**אברהם יצחק:** איך מיין אז ס'איז מיר ארויס קלאר, און איך האף ס'וועט מיר געלונגען. א גרויסן יישר כח.

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

### רוב פריעדיגע צדיקים האבן זוכה געווען צו זייערע גרויסע מדריגות, אין זכות פון זייער שטארקע אהבת ישראל

כ"ק רבינו הזקן זי"ע (שומר אמונים מבוא השער פ"ד, אויך שרייבט ער דארט: "לא נוכל לשער מעלת כר ישראל שיש לו אהבת חברים ואהבת ישראל")

# א חסיד'ישער מלמד

"רבי, צו וועלכע מלמד זאל איך שיקן מיין קינד?".

ר' אייזיק איז אין א פארלעגנהייט. ער נויטיגט נאך א מלמד פאר זיין זון.

ביי אים אין שטאט דינען צוויי מלמדים. איינער א געווייקטער חסיד'ישער איד, א בטלן פון ערשטן קלאס וועמענס וועלט באשטייט נישט פון מער ווי תורה און עבודה. דער צווייטער מלמד האט טאקע מער ערפארונג און איז מער געשולט, אבער, ליידער, יענער איז אן 'אהערגעשטעלטער'. א 'געפוצטער'. א שטודירטער.

אין געווענליכע אומשטענדן וואלט ר' אייזיק נישט געטראכט קיין צוויי מאל אין וועמענ'ס הענט ער זאל איבערגעבן זיין אייביגער אוצר'ל. אבער דאס יעצטיגע קינד איז א באזונדער פעקל. א צעלאזטער אינגעלע וועלכער האט נאכנישט טועם געווען דעם טעם פון איינרוען. אפשר זאל ר' אייזיק דאסמאל מאכן אן אויסנאם און שיקן זיין זון צום מלמד וועלכער האט בעסער די פאך אין די הענט?

ער פרעגט אן די שאלה ביי זיין רבי, הגה"ק רבי משה'לע דעעשער זי"ע.

"לאמיר אייך דערציילן א מעשה מיט מיין זיידע ר' לייב גרינפעלד", ענטפערט אים דער רבי.

א גרופע בחורים שמועסן צוזאמען אינעם פאליש פון די ישיבה פונעם הייליגן 'ישמח משה' אין אוהעל.

פון וואס רעדן חסיד'ישע בחורים אין די פרייע צייט? אוודאי, סיפורי צדיקים.

"הערט א מעשה מיטן רבי ר' מענדעלע רימאנובער", רופט א בחור אויס.

אלע בייגן צו אן אויער צו הערן איבערן צדיק וועלכער איז נישט לאנג צוריק נסתלק געווארן.

"א פריץ פון עפעס א דארף, איך גדענק נישט וועלכע, האט געליטן אויף זיינע אויגן און האט געהאלטן פארן ווערן גענצליך בלינד. זיינע נסיעות צו די גרעסטע דאקטוירים אין וויען האבן נישט געברענגט די געוואונטשענע רעזולטאטן, און דער פריץ האט געמיינט אז זיין לעבן גייט זיך אזוי אויסלאזן".

"ביז איינער האט אים פארציילט איבערן רבי ר' מענדעלע וועלכער פועל'ט גרויסע ישועות. דער פריץ איז געפארן קיין רימאנוב און אויסגעגאסן זיין הארץ. לכתחילה האט אים דער רבי פרובירט אפצושלאגן, נישט וועלנדיג פראווען א מופת אויף א גוי, אבער נאכדעם וואס דער פריץ האט געסטראשעט צו פארטרייבן די פיר הונדערט אידישע פאמיליעס וועלכע וואוינען אין זיין טעריטאריע טאמער דער רבי העלפט אים נישט, האט אים דער רבי אנגעוואונטשן מיט א באלדיגע ישועה".

"וואס מיינט עטס? די ברכה איז נישט מקוים געווארן א טאג דער צוויי טעג דערויף, נאר אויפן פלאץ האט דער פריץ צוריק אנגעהויבן צו זען אזויווי געהעריג!".

אלע בחורים שאקלען מיטן קאפ פון התפעלות הערנדיג די וואונדער פון צדיקים, ווען אויפאמאל הערט זיך א שטימע פון זייט:

"נו נו...".

ווער איז דאס? לייב?

לייב איז נאכנישט פארטיג: "מען הייסט נישט קיין אפיקורס טאמער מען גלייבט נישט אין אזעלכע זאכן...".

דער בחור לייב ווייסט אז ער איז אויפן ראש ישיבה'ס שווארצע ליסטע. פון יענער טאג אן נעמט ער יעדער מיטל אויסצומיידן דעם ראש ישיבה, מורא האבנדיג וואס דאס וועט ברענגען.

אבער ס'האט נישט געהאלפן. איין טאג, ביים שיעור פונעם 'ישמח משה' אינעם היכל הישיבה, טראץ וואס לייב איז עקסטער אריינגעקומען שפעט כדי זיך אוועקצוזעצן אלץ ווייטער פונעם רבי'ן, הייסט אים דער רבי זיך אוועקצוזעצן נישט ווייט פון אים.

באלד נאכן שיעור, צייגט דער רבי פאר לייב זיך צו דערנענטערן צו אים.

"וואס זענען די אומאויסגעהאלטענע זאכן וואס איך הער אויף דיר", פרעגט ער אים.

לייב איז נישט קיין מפיל קינד, און פרובירט אויסצוניצן זיין כח פון בקיאות מיט פלפול צו באהויפטן אז 'גלייבן אין מופתים איז נישט פון די י"ג עיקרים'.

דער 'ישמח משה' שפאנט איין זיינע אלע כוחות כדי אים אויפווייזן די הארבקייט פון אפשפעטן מעשי צדיקים, אבער טראץ די אומבאגרייפליכע גאונות מיט וואס דער צדיק איז געווען באקאנט, האט ער נישט געהאט ערפאלג צו איבערצייגן לייב צו זיין זייט.

אויפאמאל רופט זיך דער רבי אן:

"איך האב פארגעסן, דו האסט געלערנט ביי א זאמושטער מלמד, קיין חסיד וועסטו שוין נישט ווערן".

און די וויכוח איז דא אנגעקומען צו אן ענדע.

די גיפטיגע האס אנטקעגן חסידים וואס די זאמוטשע מלמדים - זייענדיג פארברענטע מתנגדים - האבן אריינגעלייגט אין זייערע תלמידים, איז געווען עפעס וואס איז פארבליבן אויף אייביג.

"איך מיין אז דו ווייסט שוין וואס צו טון", פירט רבי משה'לע אויס זיין סיפור, און ר' אייזיק האט געפירט זיין אוצר צום מלמד דער ירא שמים און חסיד, יא, דער בטלן.

**מקור: אוצר ישראל**

# אין די ערב פסח באלאגאן (א)

## וואו נעמט מען אביסל ישוב הדעת אין די ערב פסח באלאגאן? • א ספעציעלע סארט עבודת ה' אין די טעג

### שאלה:

די בין הזמנים טעג פון חודש ניסן, איז פאר מיר א תקופה וואס אלעס צופאלט מיר, גארנישט איז אין פלאץ, און גארנישט איז לויטן פלאן... געווענדליך במשך'ן זמן, האב איך גאנץ קלארע סדרים אין עבודת השי"ת, צו אויפשטיין, דאווענען, לערנען, עסק הפרנסה, עסן און ארויסהעלפן אין שטוב א.א.וו. קומט אבער חודש ניסן, וויפיל איך בין זיך נאר מסדר, גליטשן זיך מיר אלע מיינע פלענער ארויס פון אונטער די הענט... די הויז איז איבערגעדרייט, די ארבעט, די הכנות, די פסח'דיגע טירדות זענען איבערן קאפ, בגוף, בממון, און בנפש - איך שפיר ווי איך בין אין גרויסער באלאגאן, און מיין קאפ איז ערגעץ פארלוירן... איך האב נישט קיין פאר מינוט ישוב הדעת, צו מיר אליין און צו עבודת השם, און אוודאי זיך צוצוגרייטן אביסל מיט ספרי קודש צום סדר נאכט. קוים קוים וואס איך קען טרעפן אפאר מינוט צו דאווענען און לערנען.

מיין שאלה איז: צו איז מעגליך אפצורעכטן א חודש ניסן מיט ישוב הדעת, טאקע כאטש דעם גאנצן באלאגאן, און ווי אזוי?

### תשובה:

## א.

טייערע שואל! דער פליכט אין די טעג, איז נישט דוקא זיך צו עקש'ענען צו טרעפן ישוב הדעת, די ריכטיגע ישוב הדעת וועט זיין צו פארשטיין אז ס'איז דא א ספעציעלע עבודה און א נחת רוח וואס מ'קען שאפן פארן בוכ"ע, דוקא אין אזא צייט וואס איז נישטא קיין ישוב הדעת. מיר וואלטן עס נישט אנגערופן "א צומישטע צייט" נאר א צייט וואס דער רבוש"ע וויל פון אונז "עבודת ה' דוקא מיט די טירדות". ס'איז נישט ריכטיג עס צו באטראכטן אלס **א שוועריגקייט אין עבודת ה'**, נאר פשוט **א ספעציעלע סארט עבודת ה'**.

אזוי ווי מיר זענע צוגעוואוינט אז ס'איז דא וואכנדיגע טעג, שבת'דיגע טעג, און יו"ט'דיגע טעג. און יעדער פארשטייט אז יעדן טאג האט זיך זיין ספעציעלקייט, זיין סארט צורה אין עבודת ה' - אזוי איז אויך דא 'מבולבל'דיגע טעג' ווי למשל די ערשטע העלפט חודש ניסן און ערב פסח, וואס דער אויבערשטער האט אונז אויסגעפלאנט 'מיט די טרדות', און ער וויל און ווארט אז מיר זאלן אים פון דארט דינען, דוקא אויף די צורה און אויף אט די ספעציעלע וועג מיט וואס איז אונז די בעסטע מעגליך.

אין דיין שאלה שטעלסטו פאר, אז די טעג זענען ממש א דורכפאל, גארנישט שבגארנישט. אדער אין בעסטן פאל א גרויסער בדיעבד. ס'הערט זיך דערפון א זלזול אין די ספעציעלע עבודה פון אזעלכע מבולבל'דיגע טעג, א בחינה ווי די וועלט זאגט אז 'אונטערוועגנס איז מען א האלבער איד', מ'ווארט שוין קוים ס'זאל אריבערגיין. אט די געדאנקענגאנג איז ממש נישט ריכטיג, און דאס איז טאקע די סיבה און שורש פון אלע ירידות וואס מען גייט דורך אין אזא אדער ענליכע תקופה.

די ביטערע תוצאה דערפון איז, אז נישט נאר וואס מען ניצט נישט אויס די תקופה אויף צום שטייגן אין די ספעציעלע עבודה וואס איז דא דעמאלס, נאר מען דערלייגט אויך די איינגעוואוינטע עבודת ה', גענוי ווי דו האסט פארגעשטעלט אין דיין שאלה. ווייל ווען מען שפירט א זלזול "ס'איז סייווי נישט" די געלונגענע עבודת ה' וואס מען האט ערווארטעט, ווערט מען שוין פארשלעפט צו 'בטלה המביאה לידי שעמום' און פארשידענע מכשולות וואס קומען נישט דוקא צוליב די טירדות... ווען א איד שפירט זיך אז ער איז ממילא נישט אין שוואונג פון עבודת ה', האט ער עפעס נישט די כח מלחמה זיך צו דערהאלטן און נישט פארשלעפט צו ווערן.

און בפרט אין אזא תקופה, דורכגעווייקט מיט פארמעסטונגען פון כעס אדער רחמנות, עצבות אדער שמחה. פילע געלעגנהייטן פון מקיים זיין כיבוד אב ואם און טוהן טובות פאר ארומיגע, אדער עס ח"ו דורכלאזן - און אויב מען איז מזלזל, נישט צולייגנדיג קאפ אז מען געפינט זיך אין א תקופה פון ספעציעלע עבודת ה', איז עס א דאפלטע און געטריפלטע שאדן. צום ערשט דערלייגט מען דאס וואס מען וואלט געקענט שטייגן דורך זיך מתגבר זיין 'מתוך טירדא'. ווי אויך ווערט פארלוירן די חשק און קביעות פון די געווענליכע תורה ועבודה, ולא עוד, אז נאכדעם קען מען חלילה פאלן אין די פארשידענע אומגעווענליכע נסיונות וואס קומען אונטער אין אזעלכע טעג.

אבער **אויב כאפט מען** אז די טעג, און די נסיונות, זענען ממש נישט קיין אומגעלונגענע בדיעבד, ס'איז פשוט אן עבודת ה' פון אן אנדערע סארט, דער אויבערשטער האט עס במחשבה תחילה אויסגערעכנט, אז די טעג זאלן נישט האבן קיין סדר, מיט טירדות איבערן קאפ, טאקע ווייל ער וויל טאקע אזא סארט ספעציעלע עבודת ה' - גייט מען גאר אנדערש צו דערצו! מען גייט צו דערצו מיט א גרייטקייט צו די פארמעסטונגען. וועלכע זענען בכלל נישט קיין סיבה אראפצושלעפן, אדרבה, ס'קען און ס'דארף און ס'וועט נאר אויפהייבן אין אזעלכע נקודות און ענינים וואס נאר אזעלכע סארט מצבים און פארמעסטונגען קענען אויפהייבן.

## ב.

**יעצט, וועסטו פרעגן: וואס איז אט די ספעציעלע עבודת ה' וואס פארלאנגט זיך פון אזא תקופה? און פארוואס דארף עס דוקא זיין מתוך טירדא און אן קיין געהעריגע סדר?**

די תשובה איז אז ס'איז דא עבודת ה' **בפנימיות**, און ס'איז דא עבודת ה' **בחיצוניות**. ווען א איד איז זוכה צו לערנען תורה און דאווענען, און דינען השי"ת מיט א קלארע מחשבה און מיט א אפן הארץ, מיט הרגשים פון אהבה ויראה, דבקות און ליכטיגקייט, פון אינעווייניג. פון די טיפעניש פון די נשמה, מיט מחשבה און מיט הארץ - דאס רופט זיך עבודה **פנימית** (דאס רירט אן די העכערע ספירות חכמה בינה דעת, חסד גבורה תפארת) תיקון ה**נשמה** לעומת תיקון ה**גוף**, דאס איז ווי די 'אור' לעומת די 'כלי'.

דאגעגן איז אויך דא עבודת ה' **בחיצוניות** (וואס רירט אן די נידעריגערע ספירות נצח הוד יסוד מלכות) וואס דאס איז אן די אינערליכע חלקים, אן מח, אן א ברען, נאר מיט אמונה פשוטה - כאטש איך פארשטיי נישט, כאטש איך שפיר נישט, כאטש איך בין נישט מחובר דערצו אינגאנצן, און איך וויל אפילו נישט... דאך טוה איך עס מיט א קבלת עול - מיט א ביטול און הכנעה צום באשעפער - דאס רופט זיך תיקון הגוף - אז אויך דער גוף וואס שפירט נישט דעם 'אור' וואס די נשמה איז משיג, איז אויך משועבד צום רצון ה'. דאס רופט זיך אויך תיקון ה'כלי'.

דער באשעפער וויל פון יעדן מענטש לפי דרגתו ביידע סארט עבודות. און דעריבער איז ער אונז פון צייט צו צייט מזכה, סיי מיט אזעלכע מצבים וואס די נשמה שבמח און די אהבה ויראה שבלב 'ארבעטן', כדי מיר זאלן אים באמת קענען דינען מתוך הרגשים פון דביקות, און ברענעדיגע בענקשאפט און ליבשאפט.

אבער פון די אנדערע זייט איז ער אונז פונקט אזוי מזכה מיט אזעלכע צייטן און מצבים וואס די אינערליכע געפילן ארבעטן **"בדווקא נישט"**, טעג פול מיט טירדות, עגמת נפש און נסיונות ווען עבודות ה' שיינט נישט, צייטן אן קיין הרגשת הלב, אן קיין השגה אביסל אויפצולעבן די חיצוניות און די הסתר פנים. און די איינציגסטע וועג זיך מתמודד צו זיין דערמיט איז נאר מיט אמונה פשוטה, מיט אן הכנעה'דיגן קבלת עול. מ'מוז זיך כמעט ווי צווינגען צו טון וואס איז ריכטיג, און נישט ווארטן אויף חשק. אין אזעלכע טעג איז אונזער תפקיד נישט צו זוכן התחברות, פארשטיין און שפירן, נאר פשוט זיך האלטן מיט די אמונה און די גוטע החלטות וואס מיר האבן פון די 'פנימית'יגע טעג'. ווייל יעצט איז אונזער תפקיד נישט צו טראכטן נאר צו טון.

## ג.

און דא דארף מען פארשטיין די געוואלדיגע מעלה פון אט די עבודת ה' וואס ווערט אנגערופן חיצונית'דיג, אן די ליכטיגקייט און ברען פון די נשמה. וואס לכאורה אויבנאויף, זעהט אזא סארט עבודה אויס ווי כמעט גארנישט ווערד, דער בוחן לבות וכליות ווייסט דאך דעם אמת אז ער וויל עס גאר נישט, ער האלט נישט דערביי... ער טוט עס, אבער אן פנימיות... אבער דער אמת איז, אז דווקא אזא סארט עבודה איז אין א געוויסע זין העכער ווי עבודות מיט חשק און ברען, ווייל מיט דעם איז ער אסאך מער מבטא דעם שטארקן קשר צווישן אים און דעם טאטן אין הימל.

אין די ספרים הק' ווערט דאס מבואר לגבי 'משא ומתן באמונה', אז דווקא ווען א איד גייט ארויס צום יריד האנדלען, ווען ער האט נישט קיין גרויסע מעגליכקייטן פון דאווענען און לערנען ווי עס דארף צו זיין - דווקא דארט דריקט זיך אויס זיין אמת'ע שייכות מיט אידישקייט, און נאך אסאך מער ווי אין בית המדרש. דארט אין יריד זעט מען ווי אזוי דער גוי האנדלט, נארט אפ, זאגט ליגנט און כעס'ט זיך ווען עפעס גייט אים נישט ווי געוואלט, און לעומת זה זעט מען ווי אזוי להבדיל ביים איד איז זיין ווארט א ווארט, ער פירט זיך אויף איידל און ערליך. באופן אז אויך ביים עוסק זיין אין זאכן אין וואס דער גוי איז אויך עוסק דערין, דערקענט זיך מיט זיין יושר'דיגע און תורה'דיגער התנהגות אז ער איז א איד, א חלק אלוק ממעל.

און דאס איז א זאך - וואס מ'זעהט נישט אפילו אין בית המדרש, אפילו ווען ער דאוונט מיט השתפכות הנפש, ער זיצט און לערנט איבערגעבויגן איבער די גמרא מיט השגות המח, זעהט זיך אבער דארט נישט אן אז אויך זיין גוף ממש, זיינע דרויסנדיגע חלקים, זענען אויך 'אידישליך'. אבער אין גאס ביים האנדלען און וואנדלען, זעהט מען אז אויך זיינע גשמיות'דיגע חלקים זענען אנגעבינדן צו השי"ת. ס'איז טאקע נישטא דא קיין טיפע דביקות מיט הויכע מחשבות פון אהבה ויראה, אבער ס'איז דא דא **א נאטורליכע דביקות** ווי מיר זענען איינס מיטן אויבערשטן און מיט אידישקייט.

כאטש ס'איז בלויז אן אויבערפלעכליכער מצב, ס'איז גארנישט ספעציעל. אבער דא קען מען זען וויאזוי טאקע פירט זיך אויף א איד בחיצוניות, ווי אזוי זעט ער אויס טאקע אינעם פשוט'ן עולם הגשמי, און עס ווערט קלאר אז אויך פון אזא פלאץ איז ער צוגעבינדן צו השי"ת. עס ווערט קלאר אז זיין עולם הזה איז אידישקייט. אז די הבדל צווישן א איד און א גוי איז ווי צווישן שמים לארץ, אז אויך ווען ער געפינט זיך אין א נידעריגן אדער חלילה גוי'שן מצב - איז ער דארט אויך א איד.

און דווקא דאס וויל דער אויבערשטער פון אונז. ווי דאס לשון אין חז"ל (תנחומא נשא ג) "נתאווה לו הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים". ווען די כוחות הנשמה ארבעטן גוט, איז עס נישט אזוי ווייט א תחתונים'דיגער מצב... אבער ווען דער מענטש געפינט זיך אין א בלבול אן קיין ישוב הדעת, אונטער א דיקע מחיצה פון הסתר פנים וואס האלט אים צוריק יעדע ליכטיגקייט, און זיינע נשמה'דיגע כוחות כאפן א דרימל... - און דווקא דארט שטארקט ער זיך מיט אמונה און קבלת עול מלכות שמים - מאכט ער דערמיט א שיינע דירה בתחתונים פאר די שכינה הק'. און ווי באקאנט פילע סיפורים און ווערטער פון צדיקים אויף דעם, אז די פשוט'ער עבודה פון אמונה און ביטול צום רצון ה' אין א שוואכער מצב קען גאר שטיין אסאך העכער און איז גאר מעלה אלע פלאמעדיגע תפילות און עבודות פון א דערהויבענער מצב.

**אבער ס'איז נישט נאר דאס. מער איבער דעם, די קומענדיגע וואך בעז"ה.**

דימון / עיצוב ותדמית BRN


יהודים צמאים לדבר ה'! דער אינהאלטס רייכער גליון האט געמאכט א מהפכה ביי טויזנטער אידישע נפשות. נאך אסאך אידן ווילן זוכה זיין צום אור! נעמט א חלק און די געוואלדיגע זיכוי הרבים רופט: 347-428-6483 אדער צום אימעיל DD0722531385@gmail.com